# א מעשה'לע

גליון ב'

פרשת ויקהל פקודי תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער


## זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס

רֶבִּי נָתָן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַזוֹי גֶעלַאסְן, עֶר גֵייט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן אַבִּיסְל חִזּוּק; עֶר שְׁמֶעקְט אַ שְׁוֶועֶרֶע גֶערוּךְ, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן פֵייעֶר, עֶר ווּאוּנְדֶערְט זִיךְ 'פוּן וואוּ קוּמְט דֶער גֶערוּךְ?' עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע רוֹיֶעךְ אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִי פֶענְסְטֶער פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: "פֵייעֶר! פֵייעֶר! אוֹי וֵויי! עֶס בְּרֶענְט!! וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!"

רֶבִּי נָתָן לוֹיפְט אַרַיין מִיט אֵיין אָטֶעם, עֶר זֶעט וִוי דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט רוֹיֶעךְ, דֶער גַבַּאי הָאט אַייִנְגֶעדְרִימְלְט אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר גֶעלָאזְט אַ קוּגְל אוֹיפְ'ן פֵייעֶר אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז דִי שְׁוַוארְצֶע רוֹיֶעךְ. רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי פַארְבְּרֶענְטֶע קוּגְל אוּן טְרָאגְט עֶס אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר עֶפְנְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס כְּדֵי דִי רוֹיֶעךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן גֵייט קוּקְן וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, אֶפְשַׁר



דֶער גַבַּאי כַאפְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע דְרִימְל

שְׁלָאפְט דֶער רֶבִּי.

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין רֶבִּינְ'ס שְׁלָאף צִימֶער אוּן זֶעט ווִי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, עֶר פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ: "רֶבִּי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף, דֶער רֶבִּי שְׁלָאפְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן דֶעם גַבַּאי'ס נָאמֶען אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קוּגְל פוּן פֵייעֶר? פַארְוָואס לִיגְט דֶער רֶבִּי אִין בֶּעט שְׁטִיל?"

דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט: "וֶוען מֶען רוּפְט אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען הֶעכֶער, אוּן וֶוען יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט זָאגְט מֶען נָאךְ הֶעכֶער, בִּיז מֶען שְׁרַייט אוּן מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף יֶענֶעם; אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן זַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קוּק ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ ווִי שְׁטַארְק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן צוּקוּמֶען צוּ כַּעַס; עֶר אִיז עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן גֶעלַאסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע עֶסְן ווִי אֵיידֶער צוּקוּמֶען זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן שֵׁיין: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארקוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיר".**

# ספר המידות

## כַּעַס - חלק א'

יז. סְגֻלָּה לְכַעַס שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית.

יז. אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, צוּ עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית.



## גיב א שמייכל

פארוואס גייען די מצילי אש אין מאנסי מיט הויזן טראגער וואס איז אויך א רעפלעקטער?

אז זייער היזון זאל נישט אראפפאלן...

## קול ברסלב

**212.444.9191**

**845.351.0910**

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com